**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער זיך צו באטייליגן אין "עדיראַנדעק און קעטסקיל פארק טאג" פלעגונג אקטיוויטעטן

***וואלונטירן וועלן פייערן און באַרייכערן די עדיראַנדעק און קעטסקיל פארקס אום סעפטעמבער 7***

***אקטיוויטעטן שטיצן סטעיט'ס 'אוועקגיין פון די סקרין, ארויסגיין אינדרויסן' און 'ליבע פאר אונזערע ניו יארקע לענדער' קאמפיינען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקער צו צוריקגעבן פאר די סטעיט לענדער און גיין געניסן פון די דרויסנדיגע לופט דורכן אנטיילנעמען אין פלעגונג אקטיוויטעטן דורכאויס דעם סאמע ערשטן "עדיראַנדעק און קעטסקיל פארק טאג" אום שבת, סעפטעמבער 7. פלעגונג פראיעקטן וואס קאנצענטרירן זיך אויף אפהיטונג און באַרייכערונג וועלן העלפן פרעזערווירן און באזיצן ניו יארק'ס עפנטליכע לענדער אריבער די עדיראַנדעק און קעטסקיל פארקס.

"אזוי ווי רעקארד-הויכע צאלן פון באזיכער אנטדעקן די אומפארגלייכליכע שיינקייט פון 6.5 מיליאן אקער אין די עדיראַנדעק און קעטסקיל וואלד פרעזערוו, איז די נויט פאר אחריות'דיגקייט און אפהיטונג א פאראנטווארטליכקייט וואס מיר אלע טיילן מיט צו העלפן באשיצן ניו יארק'ס דרויסנדיגע פלעצער פאר פילע יארן אין די צוקונפט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך לאדן איין אלע ניו יארקער צו שטיצן אונזערע סטעיט'ס ענווייראמענטאלע און קולטורישע רעפוטאציע דורכן צוריקגעבן און זיך באטייליגן אין די נייע פלעגונג איניציאטיוו."

רעגיסטראציע איז יעצט עפן פאר דעם ערשטן [עדיראַנדעק און קעטסקיל פארק טאג](). באטייליטגע קענען העלפן אויפרייניגן קעמפינג שטחים נאכפאלגנדיג א פארנומענע קעמפינג סעזאן; איינפלאנצן ארטיגע סארטן פלאנצונגען און אוועקנעמען פרעמדע פלאנצונגען צו היטן אויף די באוואקסענע פלעצער; אויפהייבן מיסט און שמוץ ביי פאפולערע דעסטינאציעס; אדער העלפן אויפהאלטן הייקינג טרעילס צו שטיצן זיכערע און שטאנדהאפטיגע דרויסנדיגע פארוויילונג. באזוכט [www.ptny.org/lovenylands](www.ptny.org/lovenylands) זיך צו איינשרייבן פאר געשעענישן צו ארויסווייזן אייער דאנקבארקייט פאר ניו יארק'ס וואלד פרעזערוו.

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) צייטווייליגע קאמישאנער, שאָן מאהאר, האט געזאגט,** "אזוי ווי זומער דערנענטערט זיך צום ענדע און מיר רוקן זיך אריבער צו די הערבסט הייקינג און דרויסנדיגע פארוויילונג סעזאן, איז דאס די פאסיגסטע צייט פאר באזיכער זיך צו אנשליסן אין וואלונטיר באמיאונגען צו באשיצן ניו יארק'ס נאטורליכע אוצרות און אונזערע טייערסטע דרויסנדיגע פלעצער. עדיראַנדעק און קעטסקיל פארק טאג פלעגונג געשעענישן אום סעפטעמבער 7 אפפערן ווערטפולע געלעגנהייטן פאר גרופעס און איינצלנע מענטשן צו צוריקגעבן פאר נאטור און פאר ניו יארק סטעיט און שטיצן אונזערע עדיראַנדעק און קעטסקיל פארקס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג צייטווייליגער קאמישאנער, רענדי סימאנס, האט געזאגט**, "ניו יארק'ס עפנטליכע לענדער טעלן צו די פלאץ פאר פאמיליעס זיך צו פארבינדן מיט נאטור, אנטדעקן די דרויסנדיגע לופט און שאפן ספעציעלע זכרונות. צו זיכער מאכן אז די געוואלדיגע פלעצער קענען גיבן הנאה פאר צוקונפטיגע דורות, זענען מיר שטאלץ צו ארבעטן בשותפות מיט די DEC און מיט PTNY צו העלפן אויסברייטערן די געלעגנהייטן צו צוריקגעבן דורך אונזער 'ליבע פאר אונזערע ניו יארקע לענדער' קאמפיין און דורכן שטיצן פאראנטווארטליכע גאנץ-יאריגע פלעגונג אין אונזערע סטעיט לענדער אריבער ניו יארק."

**Parks & Trails New York עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פאול סטיעלי ווייט, האט געזאגט**, "אין צוגאב צו דאס גיבן פאר אונז געזונטהייט און פרייד, שטיצן אונזערע ענפטליכע וואלד פרעזערוון אונזערע לאקאלע, ראיאנישע און סטעיט עקאנאמיעס. שליסט זיך אן מיט אונז אזוי ווי מיר קומען זיך צוזאמען, שארן ארויף די ארבל און מאכן אונזערע אומשאצבארע לענדער אפילו מער אומשאצבאר."

דער "עדיראַנדעק און קעטסקיל פארק טאג" איז טייל פון די "ליבע פאר אונזערע ניו יארקע לענדער" (Love Our New York Lands) פלעגונג קאמפיין — א סעריע פון עפנטליכע פלעגונג געשעענישן וואס מוטיגן גאנץ-יאריגע צוזאמענארבעט און הייבט ארויס די סטעיט'ס דרויסנדיגע פארוויילונג פלעצער און די נויט צו היטן אויף די מיטלען. די סעריע האט זיך אנגעהויבן אין אפריל מיט די קאנאל רייניגונג (Canal Clean Sweep), נאכגעפאלגט מיט "איך האב ליב מיין פארק טאג" (I Love My Park Day) אין מאי. דער "עדיראַנדעק און קעטסקיל פארק טאג" איז די קומענדיגע געשעעניש אין די סעריע, און עס וועט נאכגעפאלגט ווערן מיט "פיש און ווילדע באשעפענישן טאג" אום שבת, סעפטעמבער 28. די טעג ווערן געאפפערט און ארגאניזירט בשותפות מיט פארקס און טרעילס ניו יארק (Parks & Trails New York, PTNY), די DEC, די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) און די ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישען (Canal Corporation).

כדי צו שטופן פאר גאנץ-יאריגע פלעגונג, איז די ציהל פון די "[ליבע פאר אונזערע ניו יארקע לענדער]" קאמפיין צו העלפן באשיצן נאטורליכע אוצרות דורכן גיבן פאר באזיכער די וויסנשאפט וואס איז נויטיג צו רעדוצירן זייערע נעגאטיווע ווירקונגען, ארבעטן צוזאמען מיט באזיכער זיך צו אויפפירן אחריות'דיג צו די סביבה און זיין זיכער ביים פארוויילן און העלפן אלע באזיכער פילן אינדערהיים ביים באזוכן סטעיט לענדער.

די געשעעניש ערגענצט גאווערנער האקול'ס "[אוועקגיין פון די סקרין, ארויסגיין אינדרויסן]" (Get Offline, Get Outside) קאמפיין צו מוטיגן ניו יארק'ס קינדער און פאמיליעס צו אראפלייגן זייערע טעלעפאנען און קאמפיוטערס, נעמען א פויזע פון סאָושעל מידיע, געניסן פון פארוויילונג און דרויסנדיגע געזעלשאפטליכע פארזאמלונגען און זיך זארגן פאר זייער גייסטישע און פיזישע קודם. די קאמפיין בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס באמיאונגען צו שטופן פאר א געזונטע לעבנס שטייגער צווישן יונגע מענטשן און פאמיליעס, אריינרעכענענדיג [דורכן אונטערשרייבן די לאנד'ס-ערשטע ביל] צו באשיצן קינדער פון אדיקטיווע סאָושעל מידיע אינהאלט און באשיצן זייער פערזענליכע אינפארמאציע פון אינטערנעט פלאטפארמעס.

**איבער Parks & Trails New York**

Parks & Trails New York איז ניו יארק'ס הויפט שתדלנות גרופע איבערן סטעיט פאר פארקס און טרעילס, איבערגעגעבן זינט 1985 צו פארשטערקערן אונזער געזונטהייט, עקאנאמיע און קוואליטעט פון לעבן דורך דאס באנוץ און פארגעניגן פון גרינע שטחים פאר יעדן איינעם. מיט טויזנטע מיטגלידער און שטיצער ארום די סטעיט איז PTNY א פירנדע שטימע פאר די באשיצונג פון ניו יארק'ס פרעכטיגע

סטעיט פארק סיסטעם און פאר דאס אויפשטעלן און אדווערטייזן מער פון 1,500 מייל פון גרינע וועגן, וועגן פאר ביציקלער, וועגן אויף די זייט פון טייכן און טרעילס. מער אינפארמאציע קען געפונען ווערן דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן